# אמעריקאנער פּילאט האט שיער געדארפט אומברענגען אייגענעם טאטן!

אין צוזאמענהאנג מיט די פייערונגען וואס זענען פאריגע וואך אפּגעהאלטן געווארן אפצוצייכענען דעם 13′סטן יארטאג פון די על-קאידא אטאקעס אויף אמעריקע פון סעפּטעמבער 11, ’01, איז באריכטעט געווארן אן אינטערעסאנטער עפיזאד וואס האט זיך אפּגעשפּילט יענעם טרויעריגן דינסטאג צופרי, וואס ווייזט ווי אזוי אן אמעריקאנער מיליטערישער פּילאט האט מעגליך געדארפט פארניכטן אן עראפּלאן אויף וואס איר אייגענער פאטער איז געווען דער קאפּיטאן!

נאך מער, זי האט אמאל דערציילט פאר׳ן ״וואשינגטאן פּאוסט״, אז איר 3 יאר צוריק, אז איר ״עף-16״ איז אפילו נישט געווען באוואפּענט מיט קיין מיסילס, נאר זי האט געדארפט אריינקראכן איר עראפּלאן אין דעם ״יונייטעד פלייט 93״, אזוי צו פארניכטן יענעם עראפּלאן וואס אין די זעלבע צייט וואלט אויך זי אומגעקומען!

העטער פּעני איז געווען א פּילאט אויף אמעריקאנער עף-16 קאמפּס עראפּלאנען. זי איז ארויסגעשיקט געווארן אפּצושטעלן דעם יונייטעד עראפּלאן וואס איז פארכאפּט געווארן דורך די טעראריסטן, פאר עס קומט אן צום ציל. די רעדע איז פון דעם עראפּלאן וואס די פּאסאזשירן האבן שוין געוואוסט אז זיי וועלן נישט ארויסגיין לעבעדיג פון דעם עראפּלאן, האבענדיג געהערט פון די אנדערע 3 עראפּלאנען וואס האבן געקראכט אין די 2 ווארלד טרעיד צענטער טורמעס און אין פּענטאגאן, און אזוי ווי אויף דעם עראפּלאן איז געווען בלויז 4 טעראריסטן, ווען איינער איז נישט ארויפגעלאזט געווארן, איז געווען 2 פון זיי אין די פּילאטן קאבינע, און בלויז 2 זענען געווען אין די פּאסאזשירן קאבינע. ווייזט אויס אז 2 איז טאקע נישט געווען גענוג צו האבן א פולן קאנטראל אויף די פּאסאזשירן, פאר ווען עס איז געלונגען שטילערהייט זיך אפּצושמועסן אויף אן אנגריף אויף די פּילאטן קאבינע, און ווען זיי האבן זיך געוואלט אריינברעכן אין די פּילאטן קאבינע, האבן די 2 טעראריסטן אראפּגעקראכט דעם עראפּלאן אין א פעלד אין שענקוויל, פּענסילוועניע.

העטער האט געוואוסט אז איר טאטע, א רעטייערטער עיר פארס קוירנעל דזשאן פּעני, איז א קאפּיטאן ביי ״יונייטעד״ עירליינס. זי האט אבער נישט געוואוסט אז פאקטיש איז ער נישט דער פּילאט אויף יענעם עראפּלאן אין יענעם טאג, אבער זי זאגט אז אפילו אויב זי וואלט עס יא געוואוסט, וואלט זי ווייטער ערליך ערפילט אירע פליכטן. אפילו אויב דאס קלינגט ״קאלט-הארציג״, די רעדע איז דאך פון איר טאטע, וואלט זי דאך געטאן וואס איר פליכט פארלאנגט.

איר טאטע, דזשאן פּעני, פלעגט פירן עראפּלאנען וואס זענען ארויסגעפלויגן פון מזרח שטעט אין יענע צייט, און ער האט שוין מערערע מאל געדאנקט דעם באשעפער אז ער איז נישט געווען אויף איינע פון די ״יונייטעד״ עראפּלאנען וואס זענען פארכאפּט געווארן דורך די טעראריסטן. ער האט שוין מערערע מאל גערעדט מיט זיין טאכטער איבער די מעגליכקייט אז ער וואלט געווען אויף יענעם שענקוויל עראפּלאן, אבער זיי האבן זיך קיינמאל נישט ״פארלוירן״ איבער די מעגליכקייט, ווייל פּונקט אזוי ווי ער איז געווען א קאמפּס פּילאט אין זיינע יונגערע יארן, איז זי איצט געווען א קאמפּס פּילאט און זיי ווייסן אז זיי דארפן טאן זייערע פליכטן אן קיין זייטן אדער פאמיליע חשבונות.

העטער האט אפּגעשמועסט מיט א צווייטן פּילאט, קוירנעל מארק שאסוויל, אז זי וועט צילן איר עראפּלאן אויפ׳ן אונטערשטן טייל פון דעם ״באואינג 757״ און שאסוויל וועט צילן אויף די פאדערשטע פּילאטן קאבינע, אזוי וואלט ווייניגסטענס איינער פון זיי זיכער פארניכטעט יענעם עראפּלאן, אונטערוועגנס.

ווען זיי זענען ארויסגעפלויגן און האבן זיך געיאגט העכער דעם פּענטאגאן, האבן זיי שוין געזען דעם רויך פונעם פּענטאגאן נאכדעם ווי דער עראפּלאן האט דארט אריינגעקראכט. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין פּענסילוועניע, איז שוין דער יונייטעד עראפּלאן געווען ברוכווארג אויף דעם פעלד אין שענקוויל. איר טאטע איז טאקע נישט אומגעקומען, און אויך די 2 קאמפּס פּילאטן זענען געבליבן לעבן, אבער איינער פון די אומגעקומענע אויף יענעם עראפּלאן איז געווען א פאמיליע פריינד פון פּעני.

דער קאפּיטאן פון יענעם ״יונייטעד״ עראפּלאן איז געווען דזשאן דאל, א פריינד פון דזשאן פּעני.

עס איז טאקע גאנץ א דראמאטישע באשרייבונג, אבער מ׳האט אין די באשרייבונג נישט ארויסגעברענגט איין וויכטיגן פּונקט, אז ווארשיינליך וואלט העטער סייווי נישט גע׳הרג׳עט איר אייגענעם טאטע, ווייל וויבאלד די טעראריסטן האבן זיך אריינגעכאפּט אין די פּילאטן קאבינע האבן זיי דאס ערשטע גע׳שחט׳ן די פּילאטן, אזוי אז קאפּיטאן דאל, אדער דזשאן פּעני אויב ער וואלט געווען דער קאפּיטאן, וואלט ער שוין לאנג געווען טויט ווען דער אמעריקאנער מיליטערישער פירער וואלט דערגרייכט דעם ״יונייטעד״ עראפּלאן.



דאס פעלד אין שענקוויל וואו דער יונייטעד עראפּלאן האט געקראכט





ליסטע פון די אומגעקומענע אויף יענעם עראפּלאן





א פערמענאנטער געדענקמאל אויפ׳ן פעלד